ק. צעטניק / תל־אביב

# ווי רופט מען מיך, זאַגסטו?

— פאַר מיר פאַרלאַנג איך פון אייך גאָרנישט — האָט העלער געזאָגט צום שטוב־עלטעסטן מיט אַברייטן זשעסט פון אַ כלל־טוער וואָס איז נישט־אויסן זיין טובה. זיין צעפלאַמט פּנים האָט אויסגעדריקט האָפענונג. — נישט וועגן מיר בין איך צו אייך געקומען בעטן. איר ווייסט דאָך גאָרנישט אַז ביי אייך אין בלאָק געפינט זיך דער שילעווער רב! אַ נס מן השמים אַז ער איז אַריינגעפאַלן צו אייך.

פּרוכטנבוים, דער שטובן־עלטסטער פון בלאָק 10, איז געשטאַנען מיט דער האַנט אין דער הויזן־קעשענע. ער האָט געקוקט דעם ייד גלייך אין די אויגן. ער האָט אים געלאָזט אויסרעדן. ער איז שוין געוווינט דערצו. שטענדיק נאָכן אָנקומען פון אַ נייעם טראַנספּאָרט פּאַסירט דאָס זעלבע.

הינטער אים זענען געשטאַנען די שטובן־דינסט. דער ספּעקטאַקל וואָס וועט זיך דאָ באַלד אָפּשפּילן האָט שוין יעצט אַרויסגעגלאַנצט מיט אַ סעקרעטן שמייכל פון זייערע אויגן. אָט דער פריש־געקומענער וואָס רעדט מיט אַזאַ צעהיצטער זעלבסטזיכערקייט וועט דאָך נאָך אַ פּאָר מינוט ליגן אין דרויסן אויף דער קופּע טויטע! דער בלויזער געדאַנק וועגן דעם האָט אפילו זיי, די שטובן־דינסט פון אוישוויץ, געבראַכט צו דערשטוינונג. ווייל הרגענען אַ העפטלינג אין אוישוויץ איז גאָרנישט־שבגאָרנישט, אַשטייגער, דיין פוס טרעט אויף אַ אינזעקט. אָבער אָט־אָ דער? ער איז דאָך נאָך אַ מענטש.

העלער איז געווען איינער פון די אָנגעזעענסטע בעלי־בתים אין מעטראָפּאָלי. אַ הויז־באַזיצער, אַ ציוניסטישער עסקן. אינעם ערשטן טאָג ווי נאָר ער איז אָנגעקומען מיט זיין טראַנספּאָרט קיין אוישוויץ, און ער איז געוויר געוואָרן אַז דער שטובן־עלטעסטער פון בלאָק 10 איז אַ זון פון ציוניסטישן פירער פּרוכטנבוים, איז ער באַלד צו אים אַוועק:

— יונגערמאַן! — האָט העלער זיך געוואָנדן צו פּרוכטנבוימען מיט אַ היימישן טאָן, ווי ביי זיך אין זיין עלעגאַנטן אויפנעם־צימער פאַר דער מלחמה — איר זעט אָט דאָרט

[illegible] ווייז אייך מיטן פינגער?

צו דערשטוינונג. ווייל [illegible]
איז גאָרנישט־שבגאָרנישט, אַשטייגער, דיין פוס טרעט אויף אַ אינזעקט. אָבער אָט־אָ דער? ער איז דאָך נאָך אַ מענטש.

העלער איז געווען איינער פון די אָנגעזעענסטע בעלי־בתים אין מעטראָפּאָלי. אַ הויז־באַזיצער, אַ ציוניסטישער עסקן. אינעם ערשטן טאָג ווי נאָר ער איז אָנגעקומען מיט זיין טראַנספּאָרט קיין אוישוויץ, און ער איז געוויר געוואָרן אַז דער שטובן־עלטעסטער פון בלאָק 10 איז אַ זון פון ציר־ניסטישן פירער פּרוכטנבוים, איז ער באַלד צו אים אַוועק:

— יונגערמאַן! — האָט העלער זיך געוואָנדן צו פּרוכ־טנבוימען מיט אַ היימישן טאָן, ווי ביי זיך אין זיין עלעגאַנטן אויפנעם־צימער פאַר דער מלחמה — איר זעט אָט דאָרט אויף יענער פּריטש, דאָרט ווו איך ווייז אייך מיטן פינגער? דאָרט געפינט זיך דער שילעווער רב. און אָט דער וואָס ליגט לעבן אים, איז אַן אָנגעזעענער שרייבער, פערבער. אייער פאָטער קאָן אים געוויס. זייט מיך נישט חושד. איך בין נישט קיין חסיד פון קיין רבין, און איך בין דאָס קיינמאָל נישט געווען, נאָר מען דאַרף זיי העלפן! נישטאָ וואָס צו רעדן. יונגערמאַן! מען דאַרף העלפן! פּשוט אַ נס פון הימל וואָס דער שילעווער רב איז אַריינגעפאַלן צו אייך אין בלאָק.

פּרוכטנבוים איז געשטאַנען רואיק, די האַנט אַ געשטעקטע אין דער הויזן־קעשענע, דער בויך אַרויסגעשטופּט מער ווי עס איז באמת דאָרט געווען בויך: פּרוכטנבוימס באַליבטע פּאָזע. ווי דאָס וואָלט אים צוגעגעבן מער חשיבות. אַז העלער האָט סוף־סוף געענדיקט דאָס רעדעריי, האָט פּרוכטנבוים פּאַ־מעלעך, רואיק, אַרויפגעשפּרונגלט אין זיין האַנט דעם שטעקן ביז אין זיין העלפט, און לאַנזאַם, פּאַמעלעכקע, פריינטשאַפט־לעך, אָט־אַזוי־זיך געקלעפּלט מיטן שטאָלענעם העקל־הענטל פון שטעקן אויף דער ברוסט פון צעהיצטן בשורה־ברענגער, און דערביי רואיק, לאַנגזאַם, מ׳קאָן זאָגן פלעגמאַטיש, גע־פרעגט:

— דו קענסט מיך?

— אייער פאָטער קאָן איך — „דו!" פאַרוואָס זאָל ער צו אים זאָגן „דו"? סוף־כל־סוף האָט ער, העלער, שוין על־טערע זיין פון אים. און ווען אפילו אין אוישוויץ, איז וואָס? דאַרף שוין פרוכטנבוימס זון נישט וויסן פון קיין דרך־ארץ פאַר אַן עלטערן?

— צי איך קאָן אייך? אוודאי קאָן איך. איר זענט דאָך פרוכטנבוימס אַ זון. אַ שיינע שאלה צי איך האָב געקאָנט פרוכטנבוימען! צי איין מאָל בין איך געזעסן אויף דער בינע בשעת אייער פאָטערס אַ רעדע? ווער עס איז געווען דעם שילעווער רבס אַ חסיד, און ווער עס איז געווען פרוכטנבוימס אַ חסיד. איך, למשל, בין געווען אייער פאָטערס אַ חסיד. פונדעסטוועגן, אויב דער שילעווער רב געפינט זיך אין אוישוויץ, איז עס אַ הייליקער חוב פון יעדן אים צו ראַטעווען. ס'האָט נישט איינס צום אַנדערן.

— איז ווי רופט מען מיך, זאָגסטו? — קלעפּלט פרוכטנבוים ווייטער מיטן העקל־שטעקן אויף העלערס ברוסט.

די לעפלעך איבער העלערס אויגן הייבן־אָן נערוועז צו פינטלען, פאַרמאַכן זיך און עפענען זיך אָן איבעררייס. זיין האַרץ הויבט־אָן עפּעס פאַרצופּילן. אין אוישוויץ פילט מען בשעת דער טויט שפּרייט איבער דיר זיין איינהיל. העלער הויבט־אָן טראַכטן צי ער האָט זיך נאָר נישט טועה געווען. עפּעס אַ שרעקלעכער חשד וועקט זיך אין אים. אָבער ניין! מען האָט דאָך אים בפירוש געזאָגט „פרוכטנבוימס אַ זון!" — ווי מען רופט אייך, פרעגט איר? פרוכטנבוים רופט מען אייך, פרוכטנבוים, אַ זון פון פרוכטנבוימען.

פלינק, כמעט נישט צו דערכאַפּן מיטן אויג, האָט דאָס שטאָלענע העקל אַ זעץ געטאָן אויף העלערס קאָפּ, ווי אַ האַקשאַרף וואָס לאָזט זיך אַראָפּ איבער אַ האָלץ־שטאַם, און באַלד נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל, נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל. נאָך סעקונדן איז דאָס מער נישט געווען קיין צורה פון אַ מענטש, נאָר אַ שוידערלעכע צעפליישטע מאַסקע מיט אַ פּאָר בלוט־רינענדיקע אויגן. ממש סעקונדן.

פרוכטנבוים איז געשטאַנען רואיק. ער האָט ווידער געהאַלטן די האַנט אין די הויזן־קעשענע. ער האָט געוואַרט ביז די [...] וואַקלענדיקע פיס וואָס רוקן זיך אויף

שאַרף וואָס לאָזט זיך אַראָפּ איבער אַ האַלץ־שטאַם, און באַלד נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל, נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל. נאָך סעקונדן איז דאָס מער נישט געווען קיין צורה פון אַ מענטש, נאָר אַ שוידערלעכע צעפּליישטע מאַסקע מיט אַ פּאָר בלוט־רינענדיקע אויגן. ממש סעקונדן.

פּרוכטנבוים איז געשטאַנען רואיק. ער האָט ווידער גע־האַלטן די האַנט אין די הויזן־קעשענע. ער האָט געוואַרט ביז די אונטערברעכנדיקע וואַקלענדיקע פיס וואָס רוקן זיך אויף הינטערווײַלעכץ, וועלן סוף־כל־סוף דערכאַפּן די וואַנט הינ־טער דעם רוקן און זיך דאָרט אָפּשטעלן. רעכטס און לינקס זענען געשטאַנען צוויי אויסגעשטעלטע רייען פון שטובן־דינסט. פּרוכטנבוימס אויגן האָבן יעצט נאָכגעפאָלגט דאָס וואַקלענ־דיקע רוקן־זיך אויף הינטערווײַלעכץ ווי אַ בילאַרד־שפּילער דעם באַלעם נאָכן געגעבענעם קלאַפּ.

אַז די מאַסקע איז געבליבן שטיין ווי אַ צוגענאָגלטע צו די זײַטן־ברעטער פון די פּריטשעס, ערשט דעמאָלט איז פּרוכטנבוים צו אים צוגעגאַנגען נאָנט, נאָנט, און ווידער געקלעפּלט אויף דער בלוט־צעווייקטער ברוסט מיטן פּאַר־בלוטיקטן העקל־הענטל פון שטעקן, פרײַנטשאַפטמעסיק, לאַנג־זאַם, מ׳קאָן זאָגן פלעגמאַטיש:

— איז ווי רופט מען מיך, זאָגסטו? — האָט ער געפרעגט.

צוויי בלוט־אויגן האָבן אַרויסגעקוקט פון מאַסקן־קאָפּ. דאָס מויל איז נישט מער געווען דאָרט וווּ אַ מויל דאַרף זײַן. אויפגעשאַרצטע שטיקער פלייש האָבן אַראָפּגעהאָנגען אָנשטאָט ליפּן. זיי האָבן זיך נישט גערירט. זיי האָבן בלויז שווער גע־אָטעמט ווי אַ הונט מיט אַן אַרויסגעשטעקטער צונג.

— איז ווי רופט מען מיך, זאָגסטו? — איז די פראַגע ווידער געהאָנגען אין דער לופט.

איינער פון די שטובן־דינסט, וואָס איז געשטאַנען לעבן דער פּריטש, האָט אים אונטערגעזאָגט: — זאָג: „הער שטובן־עלטעסטער״!

פּרוכטנבוים האָט אויפגעהויבן די אויגן צום שטובן־

(המשך פון זייט 5)

דינסט. אַרויסגעקריצט צו אים מיט די ציינער: — העלף אים נישט, הורן־זון. נישט דיך האָב איך געפרעגט! — און פלינק האָט דאָס העקל פון שטעקן געבליצט אין דער לופט, אַרויף־אַראָפּ. אַרויף־אַראָפּ.

אַ שטיק צעהאַקט לעבן, אָן צורה, האָט זיך געקנאָדערט אויף דער ערד. אָן אויפהער האָט דערפון אַרויסגעשריגן מיט אַ משונהדיק קול: — הער שטובן־עלטעסטער!... הער שטובן־עלטעסטער!... יידן, ראַטעוועט!... הער שטובן־עלטעסטער!... ראַטעוועט, יידן! ראַטעוועט!...

נאָך פּרוכטנבוים האָט שוין יעצט מער גאָרנישט געהערט. ער האָט שוין געשטעקט איבערן קאָפּ אין דעם טירוף וואָס האָט אים געוויינטלעך אָנגעכאַפּט בשעת עמעצער האָט אים דערמאָנט זיין אָפּשטאַם: — נעמט אים אַריין! — האָט פּרוכטנבוים באַפוילן צו זיינע שטובן־דינסט.

פון בלאָק־שטיבל האָבן זיך געטראָגן דערשטיקטע הילפס־רופן: „הער שטובן־עלטעסטער"!... דערנאָך איז געוואָרן שטיל. שפּעטער האָט די טיר זיך געעפנט. שטובן־דינסט האָבן געשלעפּט אַ טויטן צו דער קופּע הינטערן בלאָק.

אַ טירוף האָט אָנגעכאַפּט פּרוכטנבוימען אויב עמעצער האָט דערמאָנט זיין נאָמען און זיין אָפּשטאַם. ער האָט געוואָלט אויסרייסן מיטן וואָרצל יעדן וואָס האָט געוווּסט ווער ער איז. נישט צו פאַרשטיין די סיבה פאַרוואָס פּרוכטנבוים האָט געוואָלט דערטרינקען זיין נאָמען אין אַ טייך בלוט. מעגלעך אַז ער האָט מורא געהאַט, אַז זיין יחוס פון דער אַמאָליקער וועלט וועט אים שטערן צו דער קאַריערע אין אוישוויץ; און מעגלעך אַז ער האָט געוואָלט עס זאָל נישט איבערבלייבן קיין איינער וואָס זאָל דערנאָך קאָנען דערציילן וועגן זיינע מעשים אין אוישוויץ. אַלנפאַלס, איז דער נאָמען פּרוכטנבוים איבער אים געהאָנגען ווי אַ רויטע פלאַכטע פאַר די אויגן פון דער ווילדער בעסטיע. „הער שטובן־עלטעסטער" זאָל מען אים רופן. נישט אַנדערש. בלאָק־עלטעסטע האָבן אים גערופן פּרוכטנבוים. נאָך פאַר פראָמינענטן האָט פּרוכטנבוים געהאַט דרך־ארץ מער ווי אַ פראָסטער העפטלינג. ער איז געווען גליקלעך אַז זיי האָבן מיט אים אויסגערעדט אַ וואָרט.

צווישן יעדן אָנגעקומענעם טראַנספּאָרט קיין אוישוויץ האָבן זיך שטענדיק

לעך אַז ער האָט מורא געהאַט, אַז זיין יחוס פון דער אַמאָליקע[r] וועלט וועט אים שטערן צו דער קאַריערע אין אוישוויץ; און מעגלעך אַז ער האָט געוואָלט עס זאָל נישט איבערבלייבן קיין איינער וואָס זאָל דערנאָך קאָנען דערציילן וועגן זיינע מעשים אין אוישוויץ. אַלנפאַלס, איז דער נאָמען פּרוכטנבוים איבער אים געהאָנגען ווי אַ רויטע פּלאַכטע פאַר די אויגן פון דער ווילדער בעסטיע. „הער שטובן־עלטעסטער” זאָל מען אים רופן. נישט אַנדערש. בלאָק־עלטעסטע האָבן אים גערופן פּרוכטנבוים. נאָר פאַר פּראָמינענטן האָט פּרוכטנבוים געהאַט דרך־ארץ מער ווי אַ פּראָסטער העפטלינג. ער איז געווען גליקלעך אַז זיי האָבן מיט אים אויסגערעדט אַ וואָרט.

צווישן יעדן אָנגעקומענעם טראַנספּאָרט קיין אוישוויץ האָבן זיך שטענדיק געפינען אַזעלכע וואָס דער נאָמען פּרוכטנבוים האָט זיי אַ בלענד געטאָן פאַר די אויגן, און זיי זענען צו אים צוגעפאַלן ווי פליגן צום זיסן סם. פון יעדן טראַנספּאָרט האָט פּרוכטנבוים אויסגעקליבן זיין קרבן כדי די אַנדערע זאָלן וויסן: „הער שטובן־עלטעסטער!”.

אַ גאָר באַזונדערע שנאה איז אין פּרוכטנבוימען געלעגן צו רעליגיעזע יידן. די אויגן האָבן ביי אים געברענט מיט אַ גאָר באַזונדערן פייער בשעת אין זיינע הענט איז אַריינגעפאַלן אַ פרומער ייד. און ווער שמועסט נאָך אַ רב! ער האָט דעריבער באַלד אַראָפּגערופן צו זיך די צוויי פּראָטעזשירטע פון דער פּריטש. באַלד ביים ערשטן בליק האָט ער געוווּסט ווער פון זיי עס איז דער רב: אַן אָפּגעריסן שטיק פון מאַרינאַרקעאַרבל איז געלעגן אויף איינעמס קאָפּ ווי אַ יאַרמולקע־צודעק. פּרוכטנבוים האָט די צוויי אָפּגעמאָסטן מיט עקל אין די אויגן. זיין פּנים האָט זיך אויסגעקרומט ווי עס וואָלט אים באמת וויי געטאָן אַז אַזעלכע לעבן נאָך. כאָטש פּרוכטנבוימס שפּראַך איז פּויליש, האָט ער אָבער צום רב אויסגערופן אויף אַ נאָכקרומענדיקן יידיש־לשון, ווי אַ פּוילישער אַנטיסעמיט: „רעביצין.”. ער איז געשטאַנען מיט דער האַנט אין דער הויזן־קעשענע, געקוקט אויף דעם שילעווער רב, און זיינע ציין האָבן געקריצט אויף דער „ריש” מיט אַן אַנטיסעמיטישן ניגון: — רררררררעעעעעביצין!...

זיין מוח האָט איצט געטראַכט מיט סאַרע טויט ער זאָל זיי מכבד זיין.